# אנווייזונגען פאר ביזנעסער אויף צו איינפירן ׳קי טו NYC׳ מיט יושר און גלייכבארעכטיגקייט

**דער ׳ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשן רעכט׳ איז א רעסורס אייך צו העלפן פארשטערקערן אייער ביזנעס, ווערן א מער אינקלוסיווער ארבעטסגעבער, און אייך העלפן ברענגען דער אויפפירונג פון אייער ביזנעס צו זיין אין איינשטימונג מיט דער "ניו יארק סיטי מענטשן רעכט געזעץ" (NYCHRL). דער דאקומענט שטעלט צו אינפארמאציע אויף וויאזוי איינצופירן מיט גלייכבארעכטיגקייט ׳קי טו NYC׳, וועלכס פארלאנגט פון קאסטומערס און ארבעטערס צוצושטעלן א וואקסינאציע באווייז איידער מען נעמט זיך צו געוויסע אינעווייניגע אקטיוויטעטן.**

**אנגעהויבן אויגוסט 17, 2021, וועט יעדער פון 12 יאר און העכער דארפן צושטעלן א באווייז אז זיי האבן באקומען וויינינגסטנס איין דאזע פון דער קאוויד-19 וואקסין וואס איז באשטעטיגט פאר עמערדזשענסי באניץ דורך דער FDA אדער WHO פאר אינעווייניגע רעסטוראנטן, אינעווייניגע פיטנעס / עקסערסייז איינריכטונגען, און אינעווייניגע פארוויילונגס פלעצער.**

**בשעת׳ן איינפירן דער נייער פאראדנונג, ווערט פארלאנגט פון ביזנעס אייגנטימער:**

1. זיך נישט באגיין אנדערש מיט **קאסטומערס אדער ארבעטערס** צוליב זייער הויט קאליר, נאציאנאלער אפשטאם, אומפעאיגקייט / דיסאביליטי, דזשענדער, רעליגיע / גלויבן, עלטער, אדער [סיי וועלכע אייגנשאפטן באשיצט דורך דער NYCHRL געזעץ](). צום ביישפיל, ביזנעס אייגנטימער טארן נישט:

- עקסטער שטרענג באקוקן דער וואקסינאציע באווייז ווען עס ווערט געגעבן דורך מענטשן פון א ספעציפישע הויט קאליר,נאציאנאלער אפשטאם, אדער רעליגע באזירט אויף דער געדאנק אז מענטשן אין יענע גרופעס זענען מער עלול נישט צו זיין וואקסינירט;
- פארלאנגען א וואקסינאציע באווייז בלויז פון עלטערע מענטשן אדער מענטשן מיט דיסאביליטיס אדער אומפעאיגקייטן צוליב דער געדאנק אז קאוויד-19 איז פאר זיי א גרעסערע געפאר; אדער אפזאגן אנצונעמען געוויסע סארטן פון גילטיגע וואקסינאציע באווייזן, ווי צום ביישפיל אפיציעלע אימוניזאציע רעקארדס פון לענדער אויסער׳ן יונייטעד סטעיטס אדער פאטאגראפן פון CDC וואקסינאציע קארטלעך.
- פארלאנגען א וואקסינאציע באווייז בלויז פון עלטערע מענטשן אדער מענטשן מיט אומפעאיגקייטן באזירט אויף דער געדאנק אז קאוויד-19 איז פאר זיי א גרעסערע געפאר; אדער אפזאגן אנצונעמען געוויסע סארטן גילטיגע וואקסינאציע באווייזן, ווי צום ביישפיל אפיציעלע אימוניזאציע רעקארדס פון לענדער אויסער׳ן יונייטעד סטעיטס אדער בילדער פון CDC וואקסינאציע קארטלעך.

2. מוזן צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען" (געווענליכע צופאסונגען) **פאר קאסטומערס** וואס נייטיגן זיך דערין צוליב אן אומפעאיגקייט / דיסאביליטי.

- אויב א קאסטומער קען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב אן אומפעאיגקייט, מוזט איר זיך מיט זיי דורכקומען דורך א קאאפעראטיווער און איפריכטיגער געשפרעך אויף א לייטזעליגן אופן צו באשטימען אויב עס איז שייך זיך צוצופאסן אדער צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען".
- "ריזאנעבל עקאמאדעישען" קען זיין אויף פארשידענע אופנים. צום ביישפיל, א קאסטומער קען איינקויפן עסנווארג מיטצונעמען מיט זיך, זיך אנשליסן אין א ווירטועלע עקסערסייז קלאס, אדער רעדן מיט א פארקויפער אדער אגענט דורך דער טעלעפאן.
- איר מוזט נישט צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אויב עס וועט דירעקט שטעלן אין געפאר אנדערע קאסטומערס אדער ארבעטערס פון אייער ביזנעס, אדער ברענגען א גרעסערע שוועריגקייט אויף אייער ביזנעס.

3. מוזן צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען" **פאר באשעפטיגטע** וואס נויטיגן זיך דערין צוליב א דיסאביליטי, שוואנגערשאפט, רעליגיעזע גלויבן, אדער זייער סטאטוס אלס א געליטענע פון שטוב-געוואלד, נאכלאקערונג, אדער סעקס פארברעכנס.

- אויב אן ארבעטער פארלאנגט אן אויסנאם אן אויסנאם צו דער וואקסין פארלאנג אדער מער צייט אויף צושטעלן א וואקסינאציע באווייז פאר איינע פון די אויבנדערמאנטע סיבות, מוזט איר זיך מיט זיי אדורכרעדן מיט ערנסטקייט און איפריכטיגקייט, צו זען אויב עס איז מעגליך זיך צוצופאסן דורך א "ריזאנעבל עקאמאדעישען".
- "ריזאנעבל עקאמאדעישען" קען זיין אויף פארשידענע אופנים. צום ביישפיל, אן ארבעטער קען ארבעטן רעמאָוט, ד.ה. פונדערווייטנס, אדער אויספירן זייער ארבעט פליכטן אינדרויסן אדער אפגעטיילט פון אנדערע ארבעטערס אדער קאסטומערס, אדער אפנעמען צייט פון די ארבעט.

- איר מוזט נישט צושטעלן "ריזאנעבל עקאמאדעישען" אויב עס וועט דירעקט שטעלן אין געפאר אנדערע קאסטומערס אדער ארבעטערס פון אייער ביזנעס, אדער ברענגען א גרעסערע שוועריגקייט אויף אייער ביזנעס.

## צי איז מיין ביזנעס געדעקט דורך NYCHRL?

אלע ביזנעסער וואס פארקויפן ממשות'דיגע זאכן אדער סערוויסעס צו דער פובליק אין ניו יארק סיטי האבן אן אחריות צו זייערע קאסטומערס אונטער דעם NYCHRL געזעץ.

אלע ארבעטסגעבער וואס האבן פיר[1] אדער מער ארבעטער אין ניו יארק סיטי האבן אן אחריות צו זייערע ארבעטער, אינטערנס, און זעלבסטשטענדיגע באשעפטיגטע אונטער דעם NYCHRL געזעץ.

## וואס זאל איך טון אויב א קאסטומער אן א פאסיגע וואקסינאציע באווייז פארלאנגט סערוויס?

קאסטומערס אונטער 12 יאר אלט זענען פטור פון געבן א וואקסינאציע באווייז. איר קענט ערלויבן קאסטומערס אן א וואקסינאציע באווייז וואס זענען 12 יאר אדער העכער אין דער אינעווייניגע טייל פון אייער ביזנעס פאר שנעלע און באגרעניצטע צוועקן (ווי למשל, צו ניצן דער וואשצימער, באשטעלן און עסנווארג אָרדער, אדער אפנעמען מעמבערשיפ אינפארמאציע) ווילאנג זיי טראגן א מאסקע אדער פנים-צודעק דורכאויס די גאנצע צייט וואס זיי קענען זיך נישט האלטן 6 פיס דערווייטערט פון אנדערע מענטשן.

אויב א קאסטומער וואס איז 12 יאר און העכער וויל אריינקומען אין דער אינעווייניגע טייל פון אייער ביזנעס אויף מער ווי א שנעלע אדער באגרעניצטע צוועק אבער זאגט אז זיי קענען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז, דאן מוזט איך זיך מיט זיי אויפריכטיג און אפן דורכרעדן אויף זיך דורכצוקומען, צו זען אויב עס איז שייך זיך צוצופאסן מיט "ריזאנעבל עקאמאדעישען" וואס וועט ערמעגליכן פאר דער קאסטומער צו האבן צוטריט צו וואס איר פארקויפט אדער אייערע סערוויסעס. איר מעגט נישט אריינלאזן דעם קאסטומער אין דער אינעווייניגע טייל פון אייער ביזנעס אויסער פאר א שנעלע און באגרעניצטע צוועק, אפילו אלס א "ריזאנעבל עקאמאדעישען". פונדעסטוועגן, ווען מעגליך, פארלאנגט פון אייך דער NYCHRL געזעץ צו אקאמאדירן קאסטומערס וואס קענען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב אן אומפעאיגקייט אדער דיסאביליטי אינדרויסן פון דער אינעווייניגע טייל פון אייער ביזנעס, ווי למשל צושטעלן דעם סערוויס אינדרויסן, אויפ'ן טעלעפאן, אדער דורך דער אינטערנעט.

**ביישפיל 1:**

א קאסטומער קומט צו א רעסטוראנט און גייט אריין אינעווייניג, וואו זיי ווערן באגריסט דורך א סערווירער. דער סערווירער פאדערט צו זען דער קאסטומער'ס וואקסינאציע באווייז. דער קאסטומער ענטפערט אז זיי קענען זיך נישט וואקסינירן צוליב א מעדיצינישע צושטאנד. דער סערווירער גיבט צו פארשטיין אז דער רעסטוראנט קען נישט סערווירן דעם קאסטומער אינעווייניג אין דעם רעסטוראנט, אבער זיי וועלן זיי גערן זעצן אין דער דרויסנדיגער זיצונג אפטייל, אדער נעמען אן אָרדער אויף טעיק-אַוט וואס דער קאסטומער קען מיטנעמען מיט זיך אהיים. דער קאסטומער נעמט אן דער טעיק-אַוט מעניו, דערנאך גייט אהיים און רופט אריין אן אָרדער אויפ'ן טעלעפאן, וואס דער רעסטוראנט וועט דעליווער'ן צו דעם קאסטומער אינדערהיים, צווייַ בלאקס פון דעם רעסטוראנט. דער ביזנעס האט זיך צוגעפאסט מיט "ריזאנעבל עקאמאדעישען" דורך דעליווער'ן דעם קאסטומער'ס עסנווארג ווי איידער סערווירן אין דער אינעווייניגע טייל פון דעם רעסטוראנט. דער ביזנעס האט נאכגעפאלגט דער געזעץ דורך טרעפן אן אופן צו אקאמאדירן דעם קאסטומער אן זיי אריינלאזן אין דער אינעווייניגער טייל פון דעם רעסטוראנט פאר סיי וואספארא סיבה אויסער א שנעלע און באגרעניצטע צוועק.

**ביישפיל 2:**

א קאסטומער קומט צו א קאנצערט זאַל און גייט אריין אינעווייניג, וואו זיי ווערן באגריסט דורך אן איינגעשטעלטער. דער קאסטומער בעט צו קויפן א טיקעט פאר דער פארקומעניש יענעם אוונט, וואס וועט פארקומען לעבעדיג און וועט נישט זיין רעקארדירט. דער איינגעשטעלטער פאדערט דער קאסטומער'ס וואקסינאציע באווייז, אבער דער קאסטומער גיבט צו פארשטיין אז זיי קענען זיך נישט וואקסינירן צוליב א מעדיצינישע צושטאנד. דער איינגעשטעלטער ערקלערט אז איז נישט דא קיין שום אופן פאר דער קאסטומער מיטצוהאלטן דער פארשטעלונג פון אינדרויסן פון דער אינעווייניגע טייל אדער רעמאָוט, אבער ער לאדנט איין דעם קאסטומער צו באזוכן דעם וועבזייטל, וואו עס געפונען זיך רעקארדירונגען פון אנדערע פארשטעלונגען. דער ביזנעס האט נאכגעפאלגט דער געזעץ דורך זיך לייטזעליג דורכרעדן מיט דעם קאסטומער, טראכן דעם וואס עס איז נישט שייך געווען זיך צוצופאסן מיט "ריזאנעבל עקאמאדעישען".

**ביישפיל 3:**

א קאסטומער קומט צו א דזשים / עקסערסייז פלאץ און גייט אריין אינעווייניג, וואו זיי ווערן באגריסט דורך אן איינגעשטעלטער. דער קאסטומער בעט זיך צו רעגיסטרירן פאר אן עקסערסייז קלאס. דער איינגעשטעלטער פאדערט דעם קאסטומער'ס וואקסינאציע באווייז, אבער דער קאסטומער ערקלערט אז זיי קענען זיך נישט וואקסינירן צוליב דעם וואס עס איז נישט איינשטימיג מיט זייערע

---

[1] דער NYCHRL געזעץ'ס פארבאט קעגן דיסקרימינאציע באזירט אויף דזשענדער, אריינגערעכנט סעקסועלע באלעסטערונג, זענען אנווענדליך פאר אלע ארבעטסגעבער, אומאפגעזען די גרויסקייט פון דעם ביזנעס.

רעליגיעזע גלויבונגען. דער איינגעשטעלטער ערקלערט אז ליידער קענען נאר וואקסינירטע קאסטומערס אנטיילנעמען אין אינעווייניגע עקסערסייז קלאסן, ווייל דער דזשים איז געדעקט דורך ״קי טו NYC״. דער קאסטומער פארלאזט דאס פלאץ. דעם געזעץ ווייל דער קאסטומער איז נישט בארעכטיגט צו א ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ צוליב דעם וואס זיי האבן נישט געקענט געבן א וואקסינאציע באווייז.

## וואספארא סארט באווייז דאקומענטן זאל איך פאדערן פון קאסטומערס וואס זאגן אז זיי קענען נישט געבן קיין וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי?

ביזנעסער זאלן נישט פאדערן פון קאסטומערס א באווייז אויף א דיסאביליטי אויב דער קאסטומער זאגט אז זיי קענען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב א דיסאביליטי. ענדערש זאל דער ביזנעס זיך לייטזעליג דורכרעדן צו זען אויב מען קען זיך צופאסן מיט ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ וואס וועט נישט שטעלן אין געפאר אדער ברענגען א גרעסערע שוועריגקייט פאר זייער ביזנעס.

## צי דארף איך זיך צופאסן מיט ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ פאר א קאסטומער וואס קען נישט געבן קיין וואקסינאציע באווייז פאר אן אנדערע סיבה אן קיין שייכות צו זייער דיסאביליטי?

ניין. נאר קאסטומערס וואס קענען נישט געבן א וואקסינאציע באווייז צוליב זייער אייגן דיסאביליטי זענען בארעכטיגט צו א ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ אונטער דער NYCHRL געזעץ.

## וואס זאל איך טון אויב אן ארבעטער האט נישט געגוג א באווייז אויף וואקסינאציע?

רעדט זיך דורך מיט דער ארבעטער אויף אויסצוגעפונען דער סיבה פארוואס זיי האבן נישט דער געפאדערטער באווייז. אויב איז דער סיבה פארבינדן מיט א דיסאביליטי, שוואנגערשאפט, רעליגיעזע גלויבן, אדער זייער סטאטוס אלס א געליטענע פון שטוב-געוואלד, נאכלאקערן, אדער סעקס פארברעכנס, מוזט איר זיך דורכרעדן מיט אייער ארבעטער אויף א לייטזעליג און קאאפעראטיוון אופן וועגן פאטענציעלע ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״. צום ביישפיל, דער ארבעטער קען מעגליך ארבעטן רעמאָוט, אדער ארבעטן אינדרויסן פון דער אינעווייניגער טייל פון אייער ביזנעס, אדער ארבעטן אין אן אנדער אפטייל, אפגעזונדערט פון אנדערע ארבעטערס אדער קאסטומערס. איר זענט נישט פארלאנגט זיך צוצופאסן צו אן ארבעטער מיט ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ אויב דאס וועט באדייטנד שטעלן אין ערנסטן געפאר דער געזונטהייט און זיכערהייט פון אנדערע ארבעטערס און קאסטומערס, אדער אויף אן אנדערן אופן וואס קען ברענגען א גרעסערע שוועריגקייט אויף אייער ביזנעס. צום ביישפיל, מאסקירען און/אדער טעסט׳ען זענען נישט גענוג אלס אלטערנאטיוו צו וואקסינאציע און קענען נישט געגעבן ווערן אלס א ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ אויב דער ארבעטער וועט נאך אלץ זיין געהעריג אין קאנטאקט מיט אנדערע ארבעטערס אדער קאסטומערס.

אויב איז נישט דא קיין ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ וואס וועט ערמעגליכן פאר דער ארבעטער אנצוגיין מיט זייערע ארבעטס פליכטן אן שטעלן אין געפאר אנדערע אדער ברענגן גרעסערע שוועריגקייטן, קענט איר אנבאטן פאר אייער ארבעטער אראפצונעמען צייט פון דער ארבעט ביז זיי קענען געבן א וואקסינאציע באווייז, אדער עס וועט אויף אן אנדערן אופן מעגליך זיין פאר זיי צוריקצוקומען צו דער ארבעט אן שטעלן אנדערע אין געפאר. איר מוזט נישט באצאלן פאר אייער ארבעטער אין פארלויף פון די צייט וואס זיי נעמען אראפ פון דער ארבעט אויסער אויב איר צאלט פאר אנדערע ארבעטער וואס קענען נישט קומען צו דער ארבעט פאר ענליכע סיבות.

## וואספארא סארט באווייז דאקומענטן זאל איך פאדערן פון ארבעטער וואס פארלאנגען א ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״?

- אויב אייער ארבעטער פארלאנגט א ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ צוליב א דיסאביליטי אדער שוואנגערשאפט, קענט איר פארלאנגען א צעטל פון א מעדיקעל פראוויידער וואס באשטעטיגט זייער אומפעאיגקייט צו געבן א וואקסינאציע באווייז. דער צעטל דארף נישט אנגעבן דער ארבעטער׳ס ספעציפישע מעדיצינישע צושטאנד אדער שוואנגערשאפט סטאטוס, אבער עס זאל באשטעטיגן אז דער ארבעטער איז צו דער איצטיגער צייט נישט פעאיג צו געבן א וואקסינאציע באווייז.
- אויב אייער ארבעטער פארלאנגט ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ צוליב זייערע רעליגיעזע גלויבונגען, קענט איר פארלאנגען דאקומענטן צו באשטעטיגן נאר אויב איר האט א נייטראלע באזיס צו האבן א ספק אין די אויפריכטיגקייט פון די אנגעגעבענע רעליגיעזע באזיס פאר דער ארבעטער׳ס נישט קענען געבן א וואקסינאציע באווייז.
- אויב אייער ארבעטער פארלאנגט ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ צוליב זייער סטאטוס אלס א געליטענע פון שטוב-געוואלד, סעקס פארברעכנס, אדער נאכלאקערן, קענט איר פאדערן א צעטל פון א פאסיגע סערוויס פראוויידער צו באשטעטיגן זייער אומפעאיגקייט צו געבן א וואקסינאציע באווייז.

### איינע פון מיינע ארבעטערס איז נישט וואקסינירט, אבער נישט צוליב א דיסאביליטי, שוועגערשאפט, רעליגיעזע גלויבן, אדער סטאטוס אלס געליטענע פון שטוב-געוואלד, נאכלאקערן, אדער סעקס פארברעכנס. קען איך זיי אפזאגן פון דער ארבעט? צי מוז איך?

לויט דער NYCHRL געזעץ זענען באשעפטיגטע נאר בארעכטיגט צו ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ פאר געברויכן פארבינדן מיט זייער אייגענע דיסאביליטיס, שוועגערשאפטן, רעליגיעזע גלויבנס, אדער סטאטוס אלס געליטענע פון שטוב-געוואלד, נאכלאקערן, אדער סעקס פארברעכנס. איר מוזט נישט צושטעלן א ״ריזאנעבל עקאמאדעישען״ פאר סיי וועלכע ארבעטער וואס פאלט נישט אין די קאטעגאריעס, און איר קענט זיי אפזאגן פון דער ארבעט אויב קענען זיי נישט געבן א וואקסינאציע באוויז. אויב איר וועהלט אויס זיי נישט אפצוזאגן, קענט איר זיי נישט ערלויבן צו ארבעטן אין דער אינעווייניגע טייל פון אייער ביזנעס און איר קענט נאר ערלויבן פאר זיי אריינצוקומען פאר א שנעלע און באגרעניצטע צוועק, ווי זיך איבערטוישן די קליידונג אין א טויש-צימער, און אין פארלויף פון די צייט מוזן זיי טראגן א פנים-צודעק די גאנצע צייט וואס זיי קענען זיך נישט אפזונדערן פון אנדערע 6 פיס.

### וויאזוי קען איך אויסגעפונען מער אינפארמאציע וועגן גלייכבארעכטיגטע איינפירונג פון ״קי טו NYC״?

באזוכט NYC.gov/HumanRights. איר קענט אויסגעפונען מער וועגן אייערע פאראנטווארטליכקייטן אלס א ביזנעס אייגנטימער אונטער דער NYCHRL געזעץ און זיך אויפשרייבן פאר א בחינם׳דיגער לעקציע.